בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ס'

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת אמור
שנת תשפ"ד

## • מְחַנֵּךְ זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

### בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן קִינְד

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווֵייס דֶעם אֱמֶת אַז 'דֶער קִינְד' אִיז נִישְׁט נוֹשֵׂא חֵן בַּיי מִיר, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל יָא לִיבּ הָאבְּן דֶעם קִינְד, אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז עֶר הָאט אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז עֶר אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַּעַל, אוּן אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז דָאס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין מַיין קִינְד", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער קִינְד אִיז אַ שְׁוֶוער קִינְד, אִין אַמֶערִיקֶע רוּפְט מֶען עֶס 'אַ טְשֶׁעלֶענְדְזְשִׁינְג קִינְד'; אָבֶּער אִיךְ מוּז טְרֶעפְן אַ וֶועג צוּ דֶעם קִינְד, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ וֶועג צוּ דֶעם קִינְד", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף עֶס זָאל זַיין חֵן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אִין דֶעם קִינְדְ'ס אוֹיגְן אוּן דֶער קִינְד זָאל הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן".**

### אַ גוּטֶע קַבָּלָה פוּן אַ מְלַמֵּד

אִיךְ ווִיל עֶנְק מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת. אַז מֶען הָאט אַ קִינְד וָואס עֶס גֵייט שְׁוֶוער מִיט אִים, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם קִינְד, לָאמִיר אָנְנֶעמֶען דֶעם קִינְד אַזוֹי ווִי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען מַיינְ'ס אַ קִינְד.

פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק הָאט מִיר אַ מְלַמֵּד פוּן שְׁטֶעטְל דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט אַ קִינְד, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְכַאפְּן דִי עִבְרִי, דָאס קִינְד הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַ גוּטֶע קַבָּלָה, אַז אִין דֶעם זְכוּת זָאל דָאס קִינְד אוֹיפְכַאפְּן דִי עִבְרִי, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָאס קִינְד הָאט נָאכְדֶעם גוּט אוֹיפְגֶעכַאפְּט דִי עִבְרִי.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז שׁוֹין גֶעשֶׁען צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אָבֶּער אִיךְ גֶעדֶענְק דָאס נָאךְ, ווַייל דָאס אִיז אַ גוּטֶע מַעֲשֶׂה, מֶען זֶעט ווִי דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶענוּמֶען דָאס קִינְד ווִי אַן אֵייגְן קִינְד, וָואס גֶעוֶוערְנְלִיךְ טוּעֶן דָאס נָאר עֶלְטֶערְן; אִיךְ מִיט מַיין ווַייבּ נֶעמֶען זִיךְ אַלְץ פָאר שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער.

### אַ קְלֵיינֶע קַבָּלָה

וֶוען מֶען נֶעמְט זִיךְ עֶפֶּעס פָאר, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְנֶעמֶען אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, מֶען קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַ קְלֵיינֶע שֵׁיינֶע זַאךְ. אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זַיין מַאמֶע הָאט יָארְן צוּרִיק זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין רְפוּאָה פַאר אִיר מַחֲלָה, אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶער פוּן דִי צַדִּיקִים פוּנֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אוּן דֶערְצֵיילְט אַז זִי הָאט אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ אוּן דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן נִישְׁט קֵיין רְפוּאָה פַאר אִיר, הָאט דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: **"זִי זָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז זִי גֵייט צוּלֵייגְן נָאךְ אַ מַאֲכָל צוּ דִי שַׁבָּתְ'דִיגֶע סְעוּדָה, וֶועט זִיךְ הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה"**, זַיין מַאמֶע הָאט עֶס מְקַיֵּים יֶעדֶע וָואךְ, זִי הָאט צוּגֶעלֵייגְט אֵיין מַאֲכָל לִכְבוֹד שַׁבָּת, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם דָאקְטֶער, הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט: **"זִי הָאט מֶער גָארְנִישְׁט פוּן אִיר קְרֶענְק, מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי בְּלוּט"**.

אִיךְ דֶערְצֵייל דִי מַעֲשֶׂה, ווַייל וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַ גוּטֶע קַבָּלָה, מֵיינְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַז מֶען דַארְף זִיךְ יֶעצְט טוֹישְׁן דִי וֶועג אִין לֶעבְּן, דָא זֶעט מֶען אַז נִישְׁט, מַאךְ עֶפֶּעס אַ קְלֵיינֶע קְלֵיינֶע קַבָּלָה אוּן זָאג אַרוֹיס: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ נֶעם זִיךְ דָאס פָאר עֶס זָאל זַיין אַ טוֹבָה פַאר דֶעם קִינְד"**.

### לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף קוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער ווִי 'דָאס זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן אִיךְ ווִיל אַז אַלֶע זָאלְן זַיין שֵׁיין אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע פְּנִימְ'עֶר', אוּן אַז אַ קִינְד שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף פוּן זַיין פְּלַאץ, קֶען אִיךְ נִישְׁט זָאגְן פַאר דִי שֵׁיינֶע (קְיוּט) קִינְד מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ"**, אוּן פַאר דִי אַנְדֶערֶע קִינְד שְׁטְרֶענְגֶערְהֵייט: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ!"** - דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן עֶס.

### מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין, אָבֶּער מִיט לִיבְּשַׁאפְט!

אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶנְק זָאלְן פַארְשְׁטֵיין פוּן דֶעם שִׁיעוּר אַז מֶען דַארְף לָאזְן דִי קִינְדֶער הֶפְקֵר, נֵיין! קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין, קִינְדֶער דַארְף מֶען שְׁטֶעלְן אִין פְּלַאץ, קִינְדֶער דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַ **"נֵיין"**, אַ **"יָא"**, קִינְדֶער דַארְפְן פָאלְגְן, עֶס מוּז זַיין דִיסְצִיפְּלִין, דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, אָבֶּער, עֶס אִיז מוּז זַיין מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט!

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר מִיט קִינְדֶער, דָאס אִיז אוֹיךְ מִיט אָפִּיס אַרְבֶּעטֶערְ'ס; אַז אַ לֶערֶערִין קוּמְט אַרַיין אִין אָפִּיס בֶּעטְן עֶפֶּעס, קֶען מֶען אִיר נִישְׁט זָאגְן: **"טוּ אוֹיס דַיין קֵייטְל, דַיין רִינְגְל אָדֶער דַיין אוֹיעֶר רִינְגְל, לָאז עֶס דָא אִיבֶּער אַלְס מַשְׁכּוֹן בִּיז דוּ בְּרֶענְגְסְט יֶענְץ צוּרִיק"**, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קֵיינֶעם, אוּן זִיכֶער נִישְׁט צוּ אַ לֶערֶערִין, אַ לֶערֶערִין אִיז אַ חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ, מֶען קֶען רֶעדְן שֵׁיין: **"אַז מֶען נֶעמְט זַאכְן אוּן מֶען בְּרֶענְגְט נִישְׁט צוּרִיק אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, בְּרֶענְג עֶס צוּרִיק"**, מֶען שְׁטְרָאפְט נִישְׁט קֵיין מֶענְטְשְׁן אוּן זִיכֶער נִישְׁט קֵיין לֶערֶערִינְס; מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין.

אָבֶּער בַּיי קִינְדֶער אִיז דָאס נָאךְ ווִיכְטִיגֶער; קִינְדֶער כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן, אוּן מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס מוּז זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט, עֶס מוּז זַיין מִיט הַארְץ.

### מֶען קֶען מְחַנֵּךְ זַיין אַ קִינְד נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט אִים לִיבּ

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אָנְגֶעגְרֵייט גָאר אַסַאךְ שְׂכַר פַאר מְחַנְּכִים, מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוּן קוּקְן גוּט אוֹיף דִי קִינְדֶערְלֶעךְ.

עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֵייעֶר נַאטוּר אִיז אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְנֶעמֶען, אִיז אוֹיב וֶועט אַזַא קִינְד לֶערְנֶען בַּיי אַ לֶערֶערִין וָואס אִיר נַאטוּר אִיז צוּ זַיין זֵייעֶר צוּזַאמְגֶענוּמֶען, קֶען פַּאסִירְן וֶוען דִי לֶערֶערִין וֶועט בַּאמֶערְקְן אַז פוּן דִי מֵיידְל פְלִיעֶן אַלְץ אַרוּם זַאכְן, וֶועט זִי אִיר נִישְׁט קֶענֶען לַיידְן, זָאל זִי וִויסְן אַז אוֹיב מֶען קֶען נִישְׁט לַיידְן אַ קִינְד קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אִיר לֶערֶערִין, וַוייל אוֹיב מֶען קֶען לַיידְן אַ קִינְד - קֶען מֶען אִיר זָאגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן אוֹיב מֶען קֶען אִיר נִישְׁט לַיידְן - קֶען מֶען אִיר גָארְנִישְׁט זָאגְן.

אַז דוּ הָאסְט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶער קְרֶענְק, עֶר קוּמְט שְׁפֶּעט, עֶר פַארְגֶעסְט זַיינֶע זַאכְן, זַיינֶע זַאכְן פְלִיעֶן אַרוּם אוּן עֶס רִינְט אִים דִי נָאז... אוּן דוּ וֶוערְסְט פַארֶעקְלְט פוּן דֶעם קִינְד, קֶענְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט זַיין יֶעצְט זַיין מְחַנֵךְ, דוּ קֶענְסְט אִים שׁוֹין נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין, וַוייל עֶס פֶעלְט דִי לִיבְשַׁאפְט, אָבֶער אוֹיב אִיז דָא לִיבְשַׁאפְט, דֶער מְלַמֵד טְרַאכְט 'נֶעבֶּעךְ, דֶער קִינְד אִיז נֶעבֶּעךְ צֶעפָּארְן, עֶר פַארְגֶעסְט אַלֶעס, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זַיינֶע חֲפֵצִים לִיגְן', קֶען עֶר הֶעלְפְן דֶעם קִינְד.

אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד קוּמְט יֶעדְן טָאג שְׁפֶּעט אִין חֶדֶר, עֶר אִיז פַארְ'חָלוֹמְ'ט אוּן פַארְנֶעפְּלְט, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען צוּ קוּמֶען אוּן וֶוען צוּ גֵיין, דַארְף מֶען עֶס דוּרְכְרֶעדְן מִיט דֶער מְנַהֵל, אוּן אִין בֵּית פֵיגָא דַארְף מֶען עֶס דוּרְכְרֶעדְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת, אָבֶער דֶער מְלַמֵד דַארְף טְרַאכְטְן מִיט רַחְמָנוּת 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס אַ נַאטוּר, עֶר טוּט אַלֶעס שְׁטַייט', אוֹיב דוּ הֵייבְּסְט אָן נִישְׁט לִיב הָאבְּן דֶעם קִינְד, קֶענְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט זַיין דֶער אוֹיסְלֶערְנֶער.

מֶען קֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער נָאר אַז מֶען הָאט זֵיי לִיבּ; אוֹיב מֶען הָאט לִיבּ אַ קִינְד, קֶען מֶען אִים זָאגְן וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן.

## אוֹיסְלֶערְנֶען גוּטֶע מִידוֹת

מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג מִיט קִינְדֶער; עֶס דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ.

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, נִישְׁט זָאגְן קַיין לִיגְנְט, נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, מֶען מוּז דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען, דָאס אִיז דָאךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין מוּז מִיטְהַאלְטְן אוֹיב אִיז דָא אַ קִינְד וֶועם מֶען רוֹדְפְ'ט, מֶען מוּז זִיךְ אָנֶעמֶען פַאר אַ קִינְד וָואס מֶען רוֹדְפְ'ט, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן עֶס זָאל זִיךְ גִיסְן בְּלוּט, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס זָאל זַיין, מֶען קֶען נִישְׁט רוֹדְפְ'ן אַ קִינְד, מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער: **"אֲפִילוּ אוֹיב יֶענֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, קֶענְסְטוּ גָארְנִישְׁט צוּרִיק טוּן, קוּם צוּ מִיר אוּן אִיךְ וֶועל קֶעיר נֶעמֶען"**, מֶען קֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, מֶען קֶען נִישְׁט וֵוי טוּן, מִיר זֶענֶען עַם יִשְׂרָאֵל, מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִידִישֶׁע קִינְדֶער טְשֶׁעפֶּען נִישְׁט, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן רַחְמָנוּת; דָאס דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער.

יֶעצְט, אוֹיב מֶען זֶעט אַז אַ קִינְד טְשֶׁעפֶּעט יָא, קֶענְסְטוּ אִים נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן, נָאר דוּ דַארְפְסְט אִים מְחַנֵךְ זַיין, זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז אַ קִינְד מִיט שְׁוֶוערֶע מִידוֹת אוּן אִיךְ וֶועל אִים מְחַנֵךְ זַיין.

## אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַ טֵייעֶר פָּאלְק

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס פַאר אַ טֵייעֶר פָּאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען, זָאגְט זֵיי וָואס מֶען הֶערְט צוּרִיק פוּן דִי פָּאלִיצֵיי אָפִיצִירְן פוּן דָא אִין אַמֶערִיקֶע וִוי זֵיי זָאגְן: **"דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואוּ זֵיי הָאבְּן לִיבּ צוּ דִינֶען אִיז אִין דִי אִידִישֶׁע גֶעגֶענְטֶער, וַוייל בַּיי דִי אִידְן גַנְבְ'עֶט קֵיינֶער נִישְׁט, קֵיינֶער שִׁיסְט נִישְׁט, קֵיינֶער רַצְחְ'עֶט נִישְׁט, הֶעכְסְטְנְס דַארְף מֶען אַמָאל אָפְּשְׁפַּארְן אַ גַאס פַאר אַ הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה"**... מַמָשׁ אַ מְחַיֶה.

אַסַאךְ מָאל קוּמְט אוֹיס אַז מֶען דַארְף אַרַיינְפָארְן שַׁבָּת אִין שְׁפִּיטָאל, זָאגְן דִי גוֹי'אִישֶׁע קַאר סֶערְוִויסֶעס אַז זֵיי וֵוייסְן אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן שַׁבָּת, דָאךְ טְרָאסְטְן זֵיי דִי אִידְן אַז מֶען וֶועט זֵיי בַּאצָאלְן נָאךְ שַׁבָּת, וַוייל זֵיי וֵוייסְן אַז **"אַ אִיד שְׁלָאגְט נִישְׁט, אַ אִיד שִׁיסְט נִישְׁט אוּן אַ אִיד גַנְבְ'עֶט נִישְׁט, אִידְן וֶועלְן בַּאצָאלְן נָאךְ שַׁבָּת"**.

דָאס אִיז דִי אִידִישֶׁע פָּאלְק, מִיר וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דוּ הָאסְט לִיבּ דֶעם קִינְד?!

וֶוען מֶען רֶעדְט - מוּז עֶס זַיין מִיט לִיבְשַׁאפְט.

מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן אַ קִינְד אִין דִי זַייט אוֹיב זַיין פָּנִים אִיז נִישְׁט שֵׁיין, עֶס אִיז טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אוֹיב אַ קִינְדְ'ס נָאז רִינְט, וֶועסְטוּ עֶס אָפְּוִוישְׁן.

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן צִי אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיינֶע קִינְדֶער אָדֶער אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט לִיבּ, צִי אִיךְ קֶען זֵיי דֶערְלַיידְן אָדֶער אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט דֶערְלַיידְן, נָאר דֶער מְלַמֵד אוּן דִי לֶערֶערִין מִיט דִי קִינְדֶער וֵוייסְן דָאס.

דָאס בִּין אִיךְ עֶנְק יֶעצְט גֶעקוּמֶען מְחַזֵק זַיין, עֶטְץ זָאלְטְס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶנְקֶערֶע תַּלְמִידִים. אוּן וָואס אִיךְ רֶעד פַאר דִי מְלַמְדִים רֶעד אִיךְ אוֹיךְ צוּ דִי לֶערֶערִינְס, מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ גֶעבּ פַאר מְלַמְדִים אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן לַיין, אוּן עֶס אִיז כְּדַאי אוֹיסְצוּהֶערְן, עֶס אִיז שַׁיינֶע עֵצוֹת אִין אַלֶע עִנְיָנִים פוּן חִינוּךְ.

גֵייט אִיבֶּער דֶעם צֶעטְל פוּן דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, טְרַאכְט אַרַיין: 'דֶער קִינְד הָאבּ אִיךְ מֶער לִיבּ; פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ אִים מֶער לִיבּ? וַוייל עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז קְיוּט [בַּאחֵנְ'ט]? וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער? זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, זֵיי לֵייגְט מֶען אַלְץ אִין דִי זַייט?!'

אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין קֶען גֶעבְּן לֶעבְּן פַאר אַ קִינְד אוּן קֶען הַרְגְ'עֶנֶען אַ קִינְד!

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן 'נִישְׁט זָאגְן' פַאר קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אַוַודַאי דַארְף מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער, אָבֶער זָאג מִיר: דוּ הָאסְט לִיבּ דֶעם קִינְד, אָדֶער פוּן אִינֶעוֵוייניג בִּיסְטוּ אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיפְ'ן קִינְד? אוֹיב דוּ בִּיסְט אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיף דֶער קִינְד - טָארְסְטוּ נִישְׁט דָא זַיין! דָאס אִיז אֵיין זַאךְ וָואס אִיךְ בִּין עֶנְק גֶעקוּמֶען מְחַזֵק זַיין.

## זַיין צַייטְלִיךְ

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל עֶנְק מְחַזֵק זַיין; מֶען זָאל זַיין צַייטְלִיךְ.

יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיין צַייט וֶוען עֶר דַארְף אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער, פַארְמִיטָאג, נָאכְמִיטָאג, אוּן עֶס אִיז דָא וָואס דַארְפְן זַיין בַּיי לָאנְטְשׁ, דַארְף אִיךְ זַיין אִין מַיין צַייט - צַייטְלִיךְ, אוּן אוֹיב אִיךְ זֶע אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אִין צַייט, זָאג אִיךְ זִיךְ יֶעצְט אָפּ.

אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי 'בֵּית פֵיגָא' שׁוּלֶע הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין לֶערֶערִינְס, הָאבְּן מִיר גֶעדַארְפְט אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל זֵיי זָאלְן זַיין לֶערֶערִינְס, הַיינְט אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ וַוייבְּלֶעךְ וָואס ווִילְן אַרְבֶּעטְן דָא אִין דִי מוֹסָד, מֶען שְׁטֵייט אוּן מֶען בְּרֶעכְט זִיךְ קָאפּ וֶועם מֶען זָאל אוֹיפְנֶעמֶען פַאר אַ לֶערֶערִין, דַארְף מֶען וִויסְן, אוֹיב אִיז דִי אַרְבֶּעט חָשׁוּב בַּיי זִיךְ, קֶען מֶען קוּמֶען אַרְבֶּעטְן, אוֹיב אִיז דָאס נִישְׁט חָשׁוּב, קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען אַרְבֶּעטְן.

מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען שְׁפֶּעט אוּן בֶּעטְן דִי אָפִּיס: " **שִׁיק אַרַיין אַ צְוֵוייטְן בִּיז אִיךְ קוּם אָן, אָדֶער טוּ עֶפֶּעס מִיט דִי קִינְדֶער, שִׁיק זֵיי אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן זִיךְ שְׁפִּילְן**", מֶען דַארְף זַיין צַייטְלִיךְ!

## זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פוּן פָארְאוֹיס

אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן פָארְאוֹיס 'וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער', 'וֶועלְכֶע מַעֲשֶׂה גֵיי אִיךְ זֵיי הַיינְט דֶערְצֵיילְן', 'וָואס פַאר אַ פְּרָאגְרַאם גֵיי אִיךְ הַיינְט מַאכְן', 'פוּן וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט רֶעדְן', אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מֶען דַארְף וִויסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף אַז 'דֶער קִינְד' זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אוּן 'דֶער קִינְד' זָאל מַצְלִיחַ**

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מָאנְטָאג פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, שְׁנַת תשפ"ג

## • מְחַנֵּךְ זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט

**זַיין, אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן חֵן אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, זֵיי זָאלְן וֶועלְן קוּקְן אוֹיף מִיךְ, אוּן זֵיי זָאלְן הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אוּן אִיךְ זָאל יֶעדְן פַּארְגִינֶען אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גְלֶעט".**

### אוֹיסְהֶערְן דִי קִינְדֶער

וֶוען מֶען גֶעבְּט אַ גְלֶעט פַאר אַ קִינְד, אָדֶער מֶען הֶערְט אוֹיס אַ קִינְד, אִיז דָאס לֶעבְּן פַארְ'ן קִינְד!

אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵיילְט אַ קִינְד אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, צֶעהַאקְטֶערְהֵייט, מֶען דַארְף זִיךְ פְּלָאגְן עֶס צוּ פַארְשְׁטֵיין, דַארְף מֶען גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל פַארְ'ן קִינְד אַז מֶען אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט. נִישְׁט אֵייבִּיג אִיז דָא צַייט אִינְמִיטְן כִּתָּה אוֹיסְצוּהֶערְן גַאנְצֶע דְרָשׁוֹת פוּן קִינְדֶער, אָבֶּער בַּאלְד וֶוען מֶען טְרֶעפְט דֶעם קִינְד אִינְדְרוֹיסְן פְרֶעגְט מֶען אִים: **"וָואס פַאר אַ מַעֲשֶׂה הָאסְטוּ פְרִיעֶר גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן? עֶפֶּעס הָאסְטוּ נֶעכְטְן גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וֶועגְן דַיין בַּאבֶּע מִיט דַיין מוּמֶע? לָאמִיר הֶערְן"**, מֶען גֶעבְּט אִים אַ גְלֶעט אוּן מֶען זָאגְט אִים: **"פְּשְׁשְׁ..." "מוֹרָא'דִיג"**.

מֶען מוּז לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, אַז מֶען וֶועט לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער וֶועט דִי מוּסָר אַרַיין גֵיין גוּט, אוֹיךְ וֶועט דִי דִיסְצִיפְּלִין גֵיין גוּט.

### אִיךְ קֶען גֵיין צוּ מָשִׁיחַ'ס שִׁיעוּר?

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּנֶעם 'חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ', זָאלְטְס עֶטְץ וִויסְן, אוֹיבּ מָשִׁיחַ קוּמְט הַיינְט אוּן מָשִׁיחַ וֶועט בֶּעטְן פוּן אַלֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אוּן מֵיידְל שׁוּלֶעס אַז מֶען דַארְף הִילְף פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מַאכְן אַרְטְס עֶנְד קְרֶעפְטְס פַאר דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, דִי חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע דַארְפְן וַוייטֶער אָנְגֵיין, אַזוֹי זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ב'): **"וְאֵין מְבַטְּלִין הַתִּינוֹקוֹת, וַאֲפִלּוּ לְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ"**, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי דִי חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע וַוייטֶער אָנְגֵיין.

דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס קֶענֶען נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ, **"אָבֶּער אִיךְ וִויל גֵיין צוּ מָשִׁיחַ, מָשִׁיחַ גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר"**, - אַז דוּ בִּיסְט אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ מוֹסָד, דַארְפְסְטוּ גֵיין שְׁלָאפְן אִין צַייט, דִי חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע דַארְף וַוייטֶער אָנְגֵיין גֶעהֶערִיג.

יֶעצְט זוּמֶער וֶוען מִיר מַאכְן שְׁפֶּעטֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה'ס, קֶענֶען נִישְׁט דִי מְלַמְּדִים בְּלַייבְּן אוֹיף אַזוֹי שְׁפֶּעט, וַוייל דוּ דַארְפְסְט דָאךְ מָארְגְן זַיין אִין חֵדֶר, דוּ מוּזְט דָאךְ מָארְגְן זִיצְן מִיט קִינְדֶער, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן אִין כִּתָּה; אַ לֶערֶערִין וָואס הָאט נִישְׁט זוּנְטָאג קַיין שׁוּלֶע - קֶען גֵיין צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה, אוּן אוֹיבּ אִיז יָא דָא זוּנְטָאג שׁוּלֶע, קֶענֶען דִי לֶערֶערִינְס אוֹיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט.

### אַ דִירָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

תִּשְׁעָה בְּאָב גֵייט מֶען זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען גֵייט וֵויינֶען אַז מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין דִירָה, זָאלְט עֶטְץ וִויסְן אַז אוֹיבּ מֶען רֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֵייגְט אִין זֵיי אַרַיין תְּפִלָּה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, - אִיז דָאס דִי דִירָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

### אַ בְּרָכָה בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן נַחַת בַּיי עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, וַוייל אַז מֶען טוּט פַאר יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

אָבֶּער אִיךְ בֶּעט עֶנְק, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן אוֹיךְ אַלֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסָד, אִיךְ זָאל גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס אִיךְ וָואק אִים דוּרְךְ"**.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן נְשִׂיאוּת חֵן, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וֶועלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת אִיז גוּט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִּיקִים פַאר קִינְדֶער, סְפֶּעצִיֶעל אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען קֶען נָאכְמַאכְן. אִיךְ וִויל אָבֶּער וִויסְן וואוּ מֶען קֶען טְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַעֲשִׂיּוֹת פַאר קִינְדֶער. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

הַיינְט אִיז דָא אַ שֶׁפַע פוּן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ; עֶס אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים צַאמְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן גְמָרוֹת וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט. אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה טֶעיפְּס וִוי עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שֵׁיין דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט; וֶוען מֶען לֵיינְט דָאס אוּן מֶען הֶערְט דָאס וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רלה): "דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הַיְנוּ מִמַּה שֶּׁאֵרַע לָהֶם, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעַל יְדֵי זֶה נִטְהָר מַחֲשַׁבְתּוֹ", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁוֶוערִיקֵייט, וֶוערְט דֶער מֹחַ רֵיין פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט', מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישׁ, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעקְלָארְט. אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זֶען מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען הִתְחַזְּקוּת פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן; לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ טֶעיפְּס פוּן לֵיצָנוּת בְּאִיצְטְלָא דְרַבָּנָן. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַ הֵיימִישֶׁע מַעֲשֶׂה וְכוּ' אָבֶּער עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט סַם הַמָּוֶת; אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת פוּן יֶעדְן מִנְהָג אוּן פוּן צַדִּיקִים.

מען זעט אז רבינו הקדוש האט אנגעזאגט זיינע קינדער (פסחים קיב:): "אל תדורו בשכונציב", איר זאלט נישט וואוינען אין די שטאט שכנציב, ווייל זיי זענען זייער גרויסע לצים און איר וועט ווערן נאכגעשלעפט נאך זיי; זעט מען פון דעם ווי האַרב ליצנות איז און ווי ווייט א מענטש דארף אכטונג געבן וואו ער וואוינט, מיט וועם ער חבר'ט זיך און וואס פאר א מעשיות און דרשות מען הערט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער מיט יראת שמים, זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן, אמן.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב רצב)

## וואס טו איך מיט מיינע קינדער וואס האלטן נישט ביים איינזיצן ביים שבת טיש?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב אנגעהויבן הערן אייערע שיעורים דעם פארגאנגענעם זומער און דאס האט מיר זייער שטארק געטוישט צום גוטן אין אלע הינזיכטן, ווי אויך האב איך אנגעהויבן לערנען תורה יעדן טאג, איך בין מעביר סדרה און איך זאג יעדן טאג דריי פרקים משניות; איך שפיר זיך ממש ווי א נייער מענטש.

איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלץ אז מען זאל דערציילן מעשיות פאר די קינדער ביים שבת טיש, איך פרוביר די לעצטע פאר וואכן צו דערציילן מעשיות ביים טיש, אבער מיינע קינדער הערן מיך בכלל נישט אויס, זיי קריגן זיך ארום דורכאויס די גאנצע סעודה, איז דא עפעס אן עצה אויף דעם?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת חיי שרה, כ"א מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מיין נישט אז נאר דיינע קינדער זענען ווילד און שפרינגעדיג וכו', דאס איז די געזונטע נאטור פון קינדער; געזונטע קינדער שפרינגען און קריגן זיך ביים שבת טיש און די ארבעט פון די עלטערן איז צו פרובירן מיט אלע חכמות צו מאכן אז די סעודה זאל זיין אינטערעסאנט.

ווען מען האט עלטערע און יונגערע קינדער אינדערהיים דארף מען מאכן די סעודה אינטערעסאנט פאר ביידע. מען קען נישט פארלאנגען פון קליינע קינדער צו זיצן ביים טיש במשך די גאנצע סעודה, דעריבער איז גוט אז אנהויב סעודה זאל מען מער רעדן צו די קליינטשיגע קינדער, ווילאנג זיי האלטן נאך מיט די סעודה, און שפעטער ווען די קליינע קינדער גייען זיך שפילן - זאל מען מער פארברענגען מיט די עלטערע; מען גייט איבער די פרשה, מען פרעגט יעדן קינד א שאלה און מען פארברייטערט דעם תירוץ מיט אינטערעסאנטע מדרשים וכו'.

פארשטייט זיך אז מיט אלע חכמות און עצות דארף מען מאכן אסאך תפילות יעדע וואך פאר שבת קומט צו גיין אז מען זאל זוכה זיין צו זיין פרייליך שבת מיט די ווייב און קינדער. ווייל דער יצר הרע ציטערט זייער פונעם שבת, ער ווייסט אז שבת איז א צייט וואס דער איד קלעבט זיך צו צום אייבערשטן און שבת בויט דער איד זיין שטוב, זיין ווייב און זיינע קינדער, דערפאר מאכט ער עס זאל זיין מחלוקת און אנגעצויגנקייט, אבי דער שבת זאל זיין צעשטערט. אזוי ווי דער הייליגער חיד"א זכותו יגן עלינו זאגט אין ספר עבודת הקודש (מורה באצבע סימן ד, אות קמ) אז ערב שבת קומט דער שטן אין יעדע אידישע שטוב און מאכט עס זאל אויסברעכן א מחלוקה צווישן מאן און ווייב; ער האט זייער מורא ווען מאן און ווייב פארטראגן זיך, בעיקר אום שבת קודש, ווייל ווען מאן און ווייב פארטראגן זיך און לעבן צוזאמען באהבה ושלום דעמאלט האט ער נישט קיין שום שליטה אויף זיי, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות אות מריבה, סימן סו): "במקום מריבה שם השטן", דארט וואו מען קריגט זיך דארט איז דער שטן; נאך זאגט דער רבי (שם אות שלום, סימן יח): "הברכה בא על ידי שלום"; אויב מען איז בשלום וועט מען האבן ברכות; דערפאר דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זיך נישט קריגן און מען זאל זיך נישט בייזערן אויף יעדע קליינינקייט וואס פאסירט, אזוי ארום וועט מען ניצול ווערן פונעם שטן און זוכה זיין צו א פרייליכע שבת.

דער עיקר זאלסטו זען עס זאל הערשן א פרייליכע אטמאספער ביי דיר אין שטוב; אז דו וועסט זיין פרייליך וועלן אלע פראבלעמען אוועק פאלן. קינדער ווארטן א גאנצע וואך פאר'ן הייליגן שבת - א צייט וואס מען פארברענגט מיט זיי מיט שמחה און מנוחה.

געדענק אז אלעס ווענדט זיך אינעם ראש המשפחה; אז דער טאטע איז פרייליך איז אלעס גוט, און אז דער טאטע איז נערוועז - דעמאלט איז זייער ביטער. דער טאטע דארף נישט מאכן אן עסק פון יעדע קליינינקייט, נישט יעדע זאך דארף מען זען און נישט יעדע זאך דארף מען הערן; אז דו וועסט זיין פרייליך וועלן אלע קינדער האבן חשק צו זיצן נעבן דיר און זיך פרייען מיט דיר ביי די סעודה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(עצתו אמונה חלק ו', מכתב תסא)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876